א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

תשע"ט

## פרשת חיי שרה

251

## מאוצרות אמונים

פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### 'שמע ישראל' - פון ווען יעקב איז נסתלק געווארן

**"וַתָּמׇת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע"** (כג ב)

אין זוהר הקדוש (זוה"ח קיט ב) ווערט פארטייטש די ווערטער 'בְּקִרְיַת אַרְבַּע' ווי עס וואלט געשטאנען 'קריאת ארבע', דאס איז א רמז אז שרה אמנו איז נפטר געווארן נאכן זאגן די פיר ווערטער פון קריאת שמע: "ה' אלוקינו ה' אחד". לכאורה, פארוואס האט שרה נישט געזאגט אויך 'שמע ישראל' בעפאר די פיר ווערטער אזוי ווי מיר פירן זיך?

ערקלערט **רבי יחיאל פרעסבורגער** דער פאפער רב:

אין גמרא (פסחים נו א) ווערט געברענגט: "ביקש יעקב לגלות לבניו קץ הימין, ונסתלקה ממנו שכינה. אמר: שמא חס ושלום יש במטתי [ד.מ. איינער פון זיינע קינדער] פסול?... אמרו לו בניו: 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד'... כשם שאין בלבך אלא אחד - כך אין בלבנו אלא אחד". און רש"י ערקלערט דארט: "'שמע ישראל' - **פאר זייער פאטער - ישראל - האבן זיי געזאגט**".

קומט אויס אז ביז יעקב אבינו'ס צייטן האט מען געזאגט נאר די פיר ווערטער: "ה' אלקינו ה' אחד", און נאר פון ווען זיינע קינדער האבן אים געזאגט: 'שמע ישראל', פירן מיר זיך אזוי ווי זיי צו זאגן די ווערטער: 'שמע ישראל'. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס אין די צייטן פון שרה האט מען נישט געזאגט 'שמע ישראל'.

'בית ישראל [מאטערסדארף] השלם'

### ווען איז דער הספד פריער פון די געוויין?

**"וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ"** (כג ב)

פון די ווערטער פון די גמרא (מו"ק כז ב): "שלשה ימים לבכי ושבעה להספד", זעהט אויס אז די געוויין איז בעפאר די הספד, און אזוי זעהט אויך אויס פון דער לשון הפסוק: (ישעיה כב יב) "וַיִּקְרָא ה'... בַּיּוֹם הַהוּא לִבְכִי וּלְמִסְפֵּד", לויט דעם פארוואס האט די תורה דא געשריבן פריער די הספד און נאכדעם די געוויין?

ענטפערט **רבי דוד טבלי פון בריסק**:

אין שולחן ערוך (או"ח קח א) איז גע'פסק'נט אז ווער עס האט געהאט א אונס און האט נישט גע'דאווענט שחרית, דאווענט צוויי מנחה'ס - דאס ערשטע איז תפילת מנחה און די צווייטע איז אנשטאט שחרית. לויט דעם קען מען דא אויך אזוי ערקלערן, ווייל אברהם האט דערלייגט די דריי טעג פון געוויין, ווייל ווען שרה איז נפטר געווארן איז ער געווען אין הר המוריה (ב"ר נח ה) און דער וועג פון דארט ביז חברון געדויערט דריי טעג [אזוי ווי מ'זעהט אויבן (כב ד) אז נאר אין דעם דריטן טאג פון ווען אברהם איז ארויס געגאנגען האט ער געזעהן דעם הר המוריה]. וועגן דעם, אזוי ווי די הלכה זאגט ווען מ'דארף משלים זיין א תפילה, האט ער פריער מספיד געווען פיר טעג, און נאר נאכדעם האט ער געהאלטן די דריי טעג פון געוויין.

'אסיפת יהודא' [פראנקפורט תקכ"ג]

## רזי אמונים

רמזים פון אמן אין די פרשה

### דער יצר הרע ווערט ווי א 'עבד'

**"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל; וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ הַמֹּשֵׁל בְּכׇל אֲשֶׁר לוֹ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי"** (כד א-ב)

"זָקֵן בָּא בַּיָּמִים" - איז סופי תיבות 'אמן', ווייל דער וואס ענטפערט 'אמן' ווי עס דארף צו זיין, איז זוכה צו אריכות ימים אין אלע צוויי וועלטן - אין עולם הזה און אין עולם הבא, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות מז א): "כל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו". און דער המשך פון דער פסוק: "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל", לערנט אונז, אז אלץ שכר פון אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה צו שפע, ברכה און הצלחה, קינדער, גליק און עשירות און אלעס גוט'ס.

און מ'קען אויך טייטשן דעם קומענדיגן פסוק: "וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ הַמֹּשֵׁל בְּכׇל אֲשֶׁר לוֹ שִׂים נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי"; 'אברהם' איז בגימטריה רמ"ח, דיך צו לערנען אז דער וואס ענטפערט אמן בכל כוחו - מיט אלע זיינע רמ"ח גלידער, איז זוכה אונטערטעניגן דעם יצר הרע וואס ווערט אנגערופן 'מלך זקן וכסיל', און געוועלטיגן אויף אים ווי א האר אויף זיין קנעכט. און נישט נאר דאס, נאר דער יצר הרע וועט אויך 'ישים את ידו תחת ירכיו' און אים העלפן צו טוהן דעם רצון פונעם באשעפער גרינגערהייט און שנעל.

'אהבת חיים'

### דער גאנצער דור ווערט געבענטש אין זכות פונעם צדיק

**"וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל"** (כד א)

טייטש **רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב**:

דער ריכטיגער צדיק דאווענט שטענדיג אויף זיין דור, און וועגן דעם, ווען פון הימל וויל מען אים בענטשן, קומט אראפ שפע פאר דעם גאנצן דור אין זיין זכות, און דאס איז דא מרומז: "וַה' בֵּרַךְ אֶת [מיט] אַבְרָהָם בַּכֹּל" - אז זיין גאנצע דור איז געבענטש געווארן אין זיין זכות.

'קדושת לוי'

### זאגן א טיטול אויף א מענטש ביים דאווענען

**"וַיֹּאמַר ה' אֱלֹקֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם"** (כד יב)

אין **'ספר חסידים'** (תת) לייגט אראפ **רבי יהודה החסיד** א וויכטיגער יסוד אין הלכות תפילה: ביים דאווענען טאר מען נישט דערמאנען א טיטול פון כבוד און הערשאפט פאר א טאטע אדער א רבי, אזוי ווי מיר טרעפן אז אלישע האט געדאווענט (מלכים ב' ב יד): "אַיֵּה ה' אֱלֹקֵי אֵלִיָּהוּ", און האט נישט צוגעלייגט א טיטול פאר זיין רבי.

לויט דעם וואונדערט זיך דער בעל 'ספר חסידים', וויאזוי האט אליעזר אנגערופן אברהם ביים דאווענען: "אדוני אברהם"? נאר: די הלכה איז נאר געזאגט געווארן פאר די בני חורין, אבער א קנעכט קען יא דערמאנען 'אדוני' ביים דאווענען, אזוי ווי אליעזר האט געטוהן.

א ראיה צו דעם ברענגט דער **'פני מבין'** אין אונזער פרשה פון דער ירושלמי וואס שטייט (ברכות ג ג) אז א קנעכט איז פטור פון קריאת שמע ווייל מ'זאגט דארט (דברים ו ד) "ה' אלוקינו ה' אחד", און א קנעכט האט דאך נאך א האר. פון דא זעהט מען אז אויך ווען דער קנעכט איז פארנומען מיטן דאווענען איז ער משועבד צו זיין האר און וועגן דעם קען ער יא צולייגן א טיטול צו זיין נאמען.

### געבן פאר א בהמה פון וואס מ'האט אויף דעם געזאגט א ברכה

**"וַתְּמַהֵר וַתְּעַר כַּדָּהּ אֶל הַשֹּׁקֶת וַתָּרׇץ עוֹד אֶל הַבְּאֵר לִשְׁאֹב וַתִּשְׁאַב לְכׇל גְּמַלָּיו"** (כד כ)

פארוואס באטאנט די תורה אז רבקה האט אויסגעליידיגט די וואסער וואס איז איבערגעבליבן אין קריגל נאך וואס אליעזר האט געטרינקען בעפאר זי איז צוריק אנשעפן פאר זיינע קעמלען?

ערקלערט דער **'בני יששכר'**:

אין ספר חסידים (תתפה) ווערט געברענגט אז מ'טאר נישט געבן פאר א גוי עסן אדער טרינקען פון וואס א איד האט אויף דעם געזאגט א ברכה, צוליב די כבוד פון די ברכה. לויט דעם קען מען זאגן אז ווען רבקה האט געהערט אז אליעזר האט געזאגט א ברכה אויף די וואסער וואס זי האט געשעפט פאר אים, האט זי זיך געאיילט אויסגיסן דאס איבערגעבליבענע און אנשעפן ספעציעל פאר זיינע קעמלען, כדי נישט געבן פאר זיי פון די טרינקען וואס מ'האט אויף דעם געזאגט א ברכה.

'אגרא דכלה'




## לְחַיִּים טוֹבִים וַאֲרֻכִּים. אָמֵן.

אויפן פסוק אין אונזער פרשה (בראשית כד א): "וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בכל", שרייבן די בעלי התוספות ('תוספות השלם' ח"ב עמ' רמה):

**'זָקֵן בָּא בַּיָּמִים'- איז סופי תיבות 'אמן'; א רמז אויף וואס חז"ל זאגן (ברכות מז א; שבת קיט ב) אז אין זכות פון ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה צו א אריכות ימים אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט.**

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת 'אשר יצר'
## רופא כל בשר
-ג'-

### מיר קענען נישט עקזיסטירן אן דעם אויבערשטנ'ס הילף

בעפאר די ענדע פון די ברכה 'אשר יצר' רופן מיר אויס: "גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך...". פארוואס מ'דערמאנט דעם אויסדרוק 'כסא כבודך' אין די נוסח הברכה האבן מיר שוין ערקלערט אין דעם פריערדיגן ארטיקל, אבער עס איז נאך איבערגעבליבן צו פארשטיין: וואס איז כוונה פון די ווערטער וואס זעהט אויס לכאורה ווי איבעריג, ווען מ'שילדערט נאר די פשוטע מציאות, פארוואס זאגן מיר נישט אזא נוסח אויך ביי די אנדערע ברכות הודאה, צ.ב.ש. עס איז גלוי וידוע לפניך אז אן עסן קענען מיר נישט עקזיסטירן?

נאר מ'קען זאגן, אז די ברכה איז נישט נאר צו לויבן אויף די געוועגליכע ארבעט פון דער קערפער, נאר די ברכה זאגן מיר אויך כדי מיר זאלן אמת'דיג איינערקענען אז מיר קענען אינגאנצן נישט עקזיסטירן ווען נישט דעם אויבישטער'ס חסד באגלייט אונז יעדע מינוט. אויף די ציל איז נישט גענוג צו לויבן, נאר מ'דארף ארויסזאגן מיט א פולע מויל אז אונזער לעבן געפונט זיך אין א פאקטישע געפאר יעדע מינוט, און אויב חלילה נעמט דער באשעפער אראפ פון אונז זיין השגחה אפילו אויף איין מינוט, איז אונזער לעבן אין א באלדיגע סכנה.

יעצט, ווען א מענטש עסט אדער ער טרינקט א.ד.ג., דערקענט זיך נישט דער חסד אזוי שטארק קלאר און אפן, ווייל דער מענטש פילט אז ער נעמט א טייל אין דעם, ער פירט דאס עסן און מויל. אבער די ארבעט פון די געדערעם (בני מעיים) איז באהאלטן און פארהוילן פון אונז, און די חכמה איז נאר קלאר און אפן פאר ה' יתברך, און מיר גלייבן טאקע אז אויב עס וועט זיך עפענען אדער פארמאכן איינס פון די אינעווייניגסטע גלידער אנדערשט פון וואס עס דארף זיין, קענען מיר נישט עקזיסטירן אפילו א קורצע צייט ('לבקר רינה' עמ' נב).

### א רפואה פאר די גאנצע קערפער

די אויספיר פון די ברכה ווערט צוטיילט אויף צוויי: "רופא כל בשר", "ומפליא לעשות". די ראשונים ערקלערן בפשטות: "רופא כל בשר" - ווייל דאס וואס די שמוץ גייט ארויס פון דער קערפער איז א רפואה פאר דער גאנצער קערפער, ווייל ווען נישט, וואלט דער קערפער קראנק געווארן, "ומפליא לעשות" - ווייל דאס עצם זאך אז דאס עסן און דער 'רוח' האלט זיך אין א קערפער וואס איז פול מיט לעכער, איז א גרויסע וואונדער, איבערהויפט אז דער קערפער איז א גשמיות'דיגע, און די נשמה איז א רוחניות'דיגע און יעדע מינוט גלוסט זי צוריק גיין צו איר הייליגן אפשטאם, און אן דעם אויבערשטן באפעל וואלט זי באלד אוועק געפלויגן (אבודרהם; טור, בית יוסף ורמ"א או"ח ו).

אמאל האט מען מזכיר געווען פארן 'שפע חיים' פון צאנז א נאמען פון איינעם פון זיינע נאנטע וואס איז געווען א חולה מסוכן מיט א געבעהט אז ער זאל דאווענען לרפואתו, האט דער רבי אזוי געזאגט: אונזער חכמים האבן מתקן געווען ביים אויספיר פון די ברכה 'אשר יצר' צו זאגן דעם לויב פון: "רופא כל בשר ומפליא לעשות", וואס איז די שייכות פון די זאכן?

נאר מ'קען עס אזוי ערקלערן, אזוי ווי יעדע כלי וואס איז צובראכן געווארן פארשטייט יעדער אז דער וואס האט געמאכט די כלי קען עס דאס בעסטע פאררעכטן, אזוי דארפן מיר אלע גלייבן אז עס איז נישט פארהאן קיין בעסערער 'רופא כל בשר', פון דער וואס איז 'מפליא לעשות' מיטן עצם באשאפן דעם מענטש, און נאר צו אים דארפן מיר ווענדן אונזערע בקשות ('לפיד האש' ח"ב עמ' תרלא).

### 'אשר יצר' בכוונה - איז א סגולה אויף רפואה

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל האט שטענדיג געזאגט פאר זיינע תלמידים אז זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה אינעווייניג אין א סידור איז א סגולה אויף רפואה. אזוי ווי אין ספר החינוך שטייט אויף די מצוה פון ברכת המזון (מצוה תל): "איך האב מקובל פון מיינע רבי'ס, אז יעדער וואס גיט אכטונג צו בענטשן ווי עס דארף צו זיין וועט ער שטענדיג האבן פרנסה בכבוד", און דער טעם איז, ווייל דער וואס זאגט ברכת המזון מיט כוונה, ווארצלט איין אין זיין הארץ די אמונה אז זיין שפייז אין אנגעהאנגען אין השי"ת, דאס זעלבע קען מען אויך זאגן אז דער וואס זאגט די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה ווארצלט איין אין זיין הארץ די אמונה אז זיין לעבן און זיין געזונטהייט איז אנגעהאנגען אין ה' יתברך, און דורך דעם וועט ער זוכה זיין צו א רפואה ('תפלת חנה' עמ' סו; 'חיים וחסד' עמ' יא).

אסאך ערציילונגען זענען דערציילט געווארן אויף קראנקע וואס זייערע משפחות וואס האבן געטוהן די סגולה און האבן זוכה געווען צו א רפואה שלימה, אזוי דערציילט למשל דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א:

אין א חשוב'ע כולל אין שטאט בני ברק איז קראנק געווארן דער קליינער זוהן פון איינעם פון די חשובע יונגעלייט אויף א שווערע קראנקהייט. ווען די יונגעלייט האבן זיך דערוואוסט פון דעם האבן זיך צוזאם גענומען אויף א 'חיזוק פארזאמלונג' וואס אין ענדע האבן זיי באשלאסן זיך אונטער נעמען זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה, עס זאל זיין צו זיין זכות צו א רפואה.

אויף א וואונדערליכן וועג, אנדערשט פון וואס אלע דאקטורים האבן פריער געזאגט, אין א קורצע צייט איז דער קינד אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן פון זיין קראנקהייט, ויהי לפלא ('טובך יביעו' ח"א עמ' ער).

און מ'קען צולייגן אויף דעם וואס חז"ל זאגן (ברכות נג א): "גדול העונה אמן יותר מהמברך", און אויב די סגולה פון די ברכה איז אזוי גרויס, איז דאך זיכער אז די סגולה פון אכטונג געבן צו ענטפערן אמן אויף די ברכה קען ראטעווען און אכטונג געבן פון אלעם שלעכטן. און א רמז אויף דעם קען מען טרעפן אין פסוק: "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" - 'כי אני' איז בגימטריה 'אמן' ('אמרי אהרן').

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## אם הבנים שמחה

די וואונדערליכע ערציילונג האט דערציילט דער מגיד הגה"צ רבי שלום שוואדראן זצ"ל אין נאמען פון איינעם פון די גדולי ישראל אין אמעריקא, הגאון הגדול רבי יעקב קאמינעצקי זצ"ל. די געשיכטע רעדט איבער דעם וואונדערליכן גאון רבי יחיאל העליר זצ"ל, דער רב פון די שטאט סובאלק וואס איז אין ליטא, וואס כאטש ער נפטר געווארן יונגערהייט, אין עלטער פון אכט און פערציג יאר, דאך איז זיין נאמען ברייט באקאנט ביזן היינטיגן טאג דורך זיין ספר 'עמודי אור'.

די הקדמה צו זיין ספר, און אזוי אויך די בריוון פון זיינע תשובות, האט דער גאון זצ"ל זיך געפירט אונטערשרייבן מיטן זיך אנרופן 'העלוב'. א אינטערסאנטער ערציילונג שטייט אונטער דער שאנד וואס צוליב דעם האט דער גאון זיך באַ'טיטול'ט מיטן טיטול 'העלוב', ומעשה שהיה כך היה.

די מאמע פון דער בעל 'עמודי אור' איז געווען א טאכטער פון א מפורסם'דיגער סוחר און א מכובד'דיגער נגיד, וואס האט שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן ווען ער האט אויפגעשטעלט א 'ביזנעס - צענטער', א ריזיגע פלאץ, אזוי ווי א "מאלל" (מרכז גדול לקניות), וואו דארט האבן זיך צוזאמגענומען סוחרים פון אלע שטעטלאך פון די געגנט ארום כדי צו פארשטעלן זייער סחורה און עס פארקויפן פאר דער וואס צאלט דאס בעסטע פרייז.

דארט פלעגן צוקומען סוחרים, נגידים און פריצים, רוב פון זיי זענען נישט געווען פון דאס אידישע פאלק, כדי צו פארקויפן און איינהאנדלען, דאס פלאץ האט שטענדיג געווירבילט מיט מענטשן, וואס דאס האט געברענגט פאר דעם גביר גרויסע פארדינסטן צו זיין פארמעגן.

ער האט מער און מער מצליח געווען, און עס פארשטייט זיך אז ארום אים זענען געווען אזעלכע וואס האבן נישט געקענט פארגינען זיין הצלחה און די קנאה האט זיי געגעסן אין הארץ. ווען זיי האבן געוואלט ארויסגעבן זייער קנאה, האבן זיי גענומען די טאכטער פון דעם גביר פאר א קרבן.

זיין טאכטער איז געווען א ערליכע מיידל און א יראת שמים, וואס אויסער אירע אנדערע מעלות איז זי געווען געשאנקען מיט אויסער געוועגליכע טאלאנטן, זי האט געארבעט אין די געשעפטן פון איר פאטער, און צוליב דעם איז זי געווען זייער שטארק פארמישט אין דעם.

ווי געזאגט, אסאך פון די וואס זענען געקומען צו די צענטער זענען געווען פון די חשובע גויים פון די שטעט און דערפער ארום, און אזוי האבן די בעלי לשון הרע אנגעהויבן פארשפרייטן שלעכטע קלאנגען אויף די טאכטער פונעם גביר, ז' דרייט זיך דאך אסאך צווישן יענע גויים, און עס איז זיכער און קלאר...

און ווער ווייסט דען נישט דעם כח פון לשון הרע... די שמועות האבן זיך פארשפרייט און עס איז צוגעקומען צו דעם אסאך איינצלהייטן פון די וואס האבן עס אריבער געפירט פון איינעם צום צווייטן, און צוליב דעם, די ערליכע מיידל וואס איז שוין אנגעקומען אין די יארן פון שידוכים, כאטש זי איז געווען א טאלאנטפולע און א טאכטער פון א גרויסער און פארמעגליכער גביר, איז יעדע פארשלאג וואס איז ארויף אויפן טיש באלד אראפ. עס איז נישט געווען קיין וואונדער, אין די מינוט וואס דעם חתן'ס צד האבן זיך נאכגעפרעגט אויף די כלה צווישן די מענטשן פון איר שטאט, זענען באלד ארויף געקומען די שלעכטע קלאנגען, און דער שידוך איז געווארן אויס.

די יארן זענען אדורך געפלויגן, און די יסורים און די אנטוישונגען האבן זיך געשטארקט. די טאכטער איז שוין אנגעקומען צו א הויכן עלטער, און איר פאטער כאטש ער איז געווען א ערליכער, האט פארשטאנען אז עס לוינט זיך נאכגעבן און חתונה מאכן די טאכטער אויך מיט א פראסטן יונג, ווי איידער זי זאל אינגאנצן נישט חתונה האבן, אויך די טאכטער, נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה האט זי צוגעשטימט צו די מיינונג פון איר פאטער, אבער אויך א פשוטער שידוך איז שווער געווען פאר זיי צו טרעפן.

אין ענדע האט מען געטראפן עמיצער וואס האט יא צוגעשטימט צו חתונה האבן מיט איר, דער איז געווען נישט קיין אנדערער פון 'אהרן דער שמייסער', אוי לאותה בושה... דער בחור וואס אין אנהייב פון זיינע קינדערישע יארן איז ער פאר'יתום'ט געווארן פון זיינע עלטערן, און נאך זייענדיג גאר יונג האט ער זיך געדרייט אין די גאסן אן קיין שום ראם, לערנען האט ער נישט געקענט, און ווער ווייסט וואס וואלט ווען אויסגעוואקסן פון אים אויב איינער פון די בעלי עגלות וואלט ווען נישט רחמנות געהאט אויף אים און אים אויסגעלערנט די פאך פון א בעל עגלה.

אבער אויך צו די ארבעט האט ער נישט געטויגט, און אזוי האט ער געטראפן נאר די איין פאך צו זיין א 'שמייסער', די אויפגאבע זיינע איז געווען, זיצן נעבן דעם בעל עגלה, און אין די צייט וואס דער בעל עגלה איז מיד געווארן, האט ער געשמיסן די פערד אנשטאט אים.

דער אהרן איז געווען אונטער די אחריות פון א אפוטרופוס, איינער פון די בעלי עגלות פון שטאט, און ווען עס איז אנגעקומען די פארשלאג פון די שידוך צו יענעם בעל עגלה האט ער נישט אזוי שנעל צוגעשטימט, ער האט געבעהטן א וואך צייט, אז נאר נאכדעם האט ער עס באשטעטיגט.

ענדליך איז זי א כלה געווארן מיט אהרן דער שמייסער.

די צייט פון די חתונה האט זיך דערנענטערט, און אין זייט זענען געשטאנען די מענטשן און גערעדט מיט אינטערעסע פון די טאכטער פון דעם גביר וואס גייט חתונה האבן מיט 'אהרן דער שמייסער', די שאנדפלעק און די באליידיגונג איז נישט געווען איבער צוטראגן, און די כלה מיט איר מאמע האבן זיך ווי ווייט מעגליך נישט באוויזן צווישן די מענטשן.

דער מעמד החופה איז באשטימט געווארן עס זאל פארקומען אין הויף פון די שוהל, אין די 'זאל' דערנעבן איז געשטאנען די כלה פארשעמט צווישן די סאך געסט וואס זענען געקומען צו איר שמחה, די אטמאספער איז געווען אויסגעמישט פון פרייד און שאנד צוזאמען. דער חתן האט שוין געהאלטן ביים אריינקומען צום 'באדעקן' אזוי ווי עס איז איינגעפירט, און פלוצלינג איז ארויס געקומען א הארציגע געשריי פון די כלה'ס מויל, א געשריי וואס איז נישט געווען געוואנדן פאר די פארזאמלטע, נאר צום באשעפער, צו דער וואס איז 'קרוב לכל אשר יקראוהו באמת':

"רבונו של עולם", האט די כלה געשריגן פון איר ביטער הארץ, "נאר דו ווייסט אז איך בין א ערליכע אידישע טאכטער, ריין פון יעדע פלעק, נאר דו ווייסט פון דעם! איך בעהט פון דיר, רבונו של עולם, דו זאלסט מיר העלפן אויפבויען א בית נאמן בישראל, א הויז וואו דארט וועל איך זוכה זיין ערציהען קינדער צדיקים און תלמידי חכמים, ערליך און ריין פון יעדע פלעק".

די געשריי, ווי געזאגט, איז נישט געווען צו די סאך געסט וואס האבן זיך צוזאם גענומען ארום איר, אבער די 'אמן' וואס איז ארויס פון זייער מויל, דורכגעווייקט מיט טרערן פון איבערגענומענקייט און תפילה, האט געשפאלטן הימלען און איז אנגעקומען ביז צום העכסטן הימל.

די תפילה פון די כלה איז אינגאנצן ערפילט געווארן.

אין די נייע הויז זענען געבוירן און ערצויגן געווארן פיר וואונדערליכע קינדער וואס מיט יארן שפעטער האבן זיי באלאכטן די וועלט מיט זייער גאונות און מיט זייער צדקות, און זענען באקאנט מיט זייער נאמען:

א. רבי ישראל העליר - 'רבי ישראל חריף' - דער בעל 'נחלת ישראל'.

ב. רבי מאיר העליר אב"ד קאסטיקאוויטש.

ג. רבי יחיאל העליר אב"ד סאבאלק און בעל 'עמודי אור' און נאך ספרים.

ד. רבי יהושע העליר אב"ד טעלז און בעל 'חוסן יהושע' און נאך אסאך ספרים.

דער בעל 'עמודי אור' וואס האט געוואלט מ'זאל אייביג גדענקען דעם געוואלדיגן כח פון תפילה, און די מעלה פון 'הנעלבים ואינם עולבים', האט שטענדיג גע'חתמ'עט זיין נאמען מיטן טיטול 'העלוב', אויף די גדענקעניש פון יענע תפילה וואס איז געזאגט געווארן מיט אזא צובראכן און פארשעמט הארץ, און אין דעם זכות האט ער מיט זיינע ברודער זוכה געווען צו וואס זיי האבן זוכה געווען.

'להגיד' דברים עמ' 330

עיצובים shay